פארגרעסערטער גליון
אומאן ראש השנה

# ...ין היכל הקודש

ווערענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת תבא, כ"א אלול, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ג'-ד'
שנה 7, גליון 49 (360)

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:12
מוצאי שב"ק....................8:40

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................שמואל-ב' ט'-י'
בבלי.......................מנחות כ"ב
ירושלמי...............ברכות כ"ט
תוספתא.....עבודה זרה פרק ה'
רמב"ם.........................נזירות ו'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ.** דֶער הֵיילִיגֶער "אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ" טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק, וְהָיָה, אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה. וֶוען קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? **כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ**, וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קכו) **אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ.**

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פִּילְט מֶען מֶער דִי הַשְׁגָּחָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה קֶען עֶר דוּרְךְ מַאכְן אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט אַלֶעם נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, נָאר וֶוען מֶען הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי אֱמוּנָה הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קֶענֶען אִיבֶּער קוּמֶען אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן.

עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם פָּסוּק "**אָז**" **יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ**, וַוייל נָאר "**אָז**" - "דֶעמָאלְט" וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל לֵיידֶער הָאבְּן דִי רְשָׁעִים דִי עֵרֶב רַב הַיינְט מְטַמֵּא גֶעוֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט שְׁלֶעכְטְס, אוּן זֵיי זֶענֶען מַכְשִׁיל דִי אִידְן מִיט אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן וואוֹינֶען אוּן פִירְן זִיךְ דָארְט אוֹיף עֶרְלִיךְ, הֵיילִיגְן זֵיי דָאס פְּלַאץ אוּן עֶס בַּאקוּמְט דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. קוּמְט אוֹיס אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס. וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, דָארְט אִיז דִי אֱמֶת'עֶ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה צוּ קֶענֶען זַיין בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ וויסֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן וֶוער עֶס בֶּעט אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה תָּבֹא א')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי פְרוֹיעֶן?

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן פָארְכְטִיגְן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן צוּ אִים דִי גַאנְצֶע יָאר. יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּנוּצְן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס פַּאסִירְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, קֵיינֶער לֶעקְט נִישְׁט קַיין הָאנִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען דָאס אוֹיסְ'פּוֹעֶל'ן, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס יָאר זָאל מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט פַאר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערִיכְט פְּרָאצֶעס. עֶר וֵוייסְט אַז זַיין גוֹרָל לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם רִיכְטֶער. דֶער רִיכְטֶער הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין חוֹדֶשׁ אֶלוּל, אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פז): "דַּע, שֶׁכַּוָּנַת אֱלוּל הֵם תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית", חוֹדֶשׁ אֶלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ פַאררֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית, "וְלִפְעָמִים, מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִוּוּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִוּוּגוֹ", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַּארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, "וַאֲפִילוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוֹיבּ אִיז עֶר פּוֹגֵם בִּבְרִית - עֶר הִיט זִיךְ נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וֶועט זִיךְ זַיין וַוייבּ קְרִיגְן מִיט אִים, וָואס עֶר ווִיל וֶועט זִי דַוְקָא זָאגְן פַּארְקֶערְט וְכוּ'.

זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְחֹדֶשׁ אֱלוּל אָז יְכוֹלִין לְתַקֵּן זֶה", אִין חוֹדֶשׁ אֶלוּל קֶען מֶען פַאררֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית, "אֲזַי מוֹצֵא זִוּוּגוֹ", מִמֵּילָא אִיז מֶען דֶעמָאלְט זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, "וְהִיא אֵינָהּ כְּנֶגְדּוֹ, רַק כִּרְצוֹנוֹ", אוּן זִי וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין כְּנֶגְדוֹ, נָאר זִי וֶועט מִיט גֵיין מִיטְן מַאן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז תָּלוּי אִינֶעם מַאן; אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען פַארְרֶעכְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' תָבֹא תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## דַארְף אַ פְרוֹי אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אָדֶער אִיז דָאס נָאר אַ חוּמְרָא?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק אוּן שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּטֶער אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פָּשׁוּטֶע חָתָן שִׁיעוּרִים אָן קַיין חוּמְרוֹת, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבּ אִיךְ אַלְץ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַ מַחֲמִיר מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ גֵיין, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעזֶען אִין דִי בְּרִיוו אִין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אַז צוּ זוּכְן חוּמְרוֹת אִיז אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט דִי חוּמְרוֹת.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אָבֶּער אוֹיךְ גֶעלֵיינְט דָארְט דִי הַארְבְּקֵייט אוּן וִויכְטִיגְקֵייט אַז אַ פְרוֹי זָאל זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אוֹיךְ נָאר אַ חוּמְרָא, אוּן יֶעצְט אַז אִיךְ זֶע אַז אִיר זָאגְט מְ'זָאל יָא מַחֲמִיר זַיין אוֹיף דֶעם, וֵוייס אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס אִיז אַ חוּמְרָא אוּן וָואס נִישְׁט, וָואס דַארְף מֶען יָא טוּן אוּן וָואס נִישְׁט, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מַסְבִּיר זַיין דֶער חִילוּק.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל פְּרוּבִּירְן צוּצוּרֶעדְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ טַאקֶע אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, שְׁרַגָא**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד שְׁרַגָא נֵרוֹ יָאִיר.**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דִי תּוֹרָה אוּן נִישְׁט צוּ לֵייגְן חוּמְרוֹת וְכוּ', בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דְבָרִים שֶׁבִּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ' דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֶעבְּן מִיט חוּמְרוֹת, נָאר וֶוען מֶען מֶעג וְכוּ' מֶען מֶעג אַלֶעס, אוּן וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט וְכוּ' טָאר מֶען נִישְׁט.

דֶעם כְּלַל דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען: מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת נְדָרִים, הֲלָכָה ג) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ז, טז; יז): "אַל תְּהִי צַדִּיק הַרְבֵּה" וְגוֹ', אַל תִּרְשַׁע הַרְבֵּה" וְגוֹ', אֵיינְס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם צְוֵוייטְן, אַ מֶענְטְשׁ וִויל זַיין אַ צַדִּיק מֶער וִויפִיל מֶען דַארְף, אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וֶוערְט עֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע וְכוּ' וְכוּ'.

דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶועְן מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן אָן קַיין חוּמְרוֹת יְתֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהִתְכַּנְּסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס זֶענֶען בִּכְלָל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז דִּמְיוֹנוֹת,

<<<<<<

>>>>>>

אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַ הַארְבְּן שׁוּלְד-אוּרְטֵייל, אוּן עֶר קֶען פַארְ'מִשְׁפָּטְ'ן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט גָאר הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן, אָדֶער קֶען דֶער רִיכְטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשְׁן אוּן אִים בַּאגַאנַאדִיגְן אוּן אִים אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דֶער פְרֵיי. וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ זִיכֶער גֶעוָוארְפְן צוּ דִי פִּיס פוּנֶעם רִיכְטֶער אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר רַחֲמָנוּת, אַז עֶר זָאל אִים נָאר אוּרְטֵיילְן אוֹיף אַ גוּטֶע אוּן רַחֲמָנוּת'דִיגֶע וֶועג.

זִיכֶער וָואלְט מֶען אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן אַדְוָואקַאט, וָואס הָאט דֶעם שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר הָאט חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם רִיכְטֶער. אוּן מֶען וָואלְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אַדְוָואקַאט אַז עֶר זָאל טוּן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען, עֶר זָאל אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן בַּיים רִיכְטֶער אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ פְּסַק וָואס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

גֶענוּ' דָאס אִיז וָואס עֶס פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער רִיכְטֶער, עֶר מִשְׁפָּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אִים, עֶס לִיגְט נָאר אִין זַיינֶע הֶענְט צִי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל ח"ו פַארְאוּרְטֵיילְט וֶוערְן צוּ שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אָדֶער זָאל עֶר גֶע'מִשְׁפָּט וֶוערְן מִיט חֶסֶד אוּן רַחֲמִים, אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים, אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, אוּן זָאל אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אוּן מִשְׁפָּטְ'ן מִיט רַחֲמָנוּת, נָאר מִיט גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

## אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן פַאר אִים אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נֶעמְט עֶר מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר מַאכְט זִיכֶער אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נָאר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ פְרוֹי זֵייעֶר פְרֵייעֶן וֶוען אִיר מַאן אִיז זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס. וָואס קֶען דֶען זַיין אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נֶעמְט אוּנְז אוֹיף זַיינֶע פְּלֵייצֶעס, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אַלֶע אִידְן וָואס קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר זֶעט אַז דִי אִידְן זָאלְן אַהֵיים פָארְן מִיט זֶעק אוּן פֶּעק פוּן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, אוּן הָאבְּן אַן אֱמֶת'ע גוּטֶע יָאר.

אַוַודַאי אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף יוֹם טוֹב. וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶּער אַבִּיסְל אַרַיין, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען דִי גַאנְצֶע יָאר מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ פְרוֹי זָאל וֶוען וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה וָואס זִי וֶועט הָאבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר גֵייט מֶען אָנְשְׁרַייבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואלְט זִי דֶען גֶעקוּקְט אוֹיף חַבֶר'טֶעס וֶועלְכֶע וֶועלְן אֶפְשָׁר קְרִימֶען מִיט דִי נָאז אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן? מִיט וָואס וֶועט אִיר דִי חַבֶר'טֶע הֶעלְפְן וֶוען זִי וֶועט זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט פַּרְנָסָה? זִי וֶועט אִיר נָאר קֶענֶען צוּשָׁאקְלְן דִי קָאפּ מִיט רַחֲמָנוּת. אָבֶּער אַז אִיר מַאן וֶועט פָארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועט עֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס אַלֶעס וֶוערְט דָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ צוּ דַארְפְן אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי פָּאר טֶעג וָואס דֶער מַאן פָּארְט אוֹיף אוּמַאן. אָבֶּער עֶס אִיז פִיל גְרִינְגֶער וִוי זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע יָאר.

אַז דִי מֶענֶער פָארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר. אִין דִי וֶועלְט אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער מַאן פָארְט אַמָאל אַוֶועק פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי אוֹיף וַואקַאצְיֶע אָן דִי וַוייבּ, עֶר פָארְט בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים. אוּן דֶערְנָאךְ פָארְט דִי וַוייבּ אַוֶועק וַואקַאצְיֶע מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ מַאן זָאל נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ, אוֹיבּ פָארְט מֶען אוֹיף וַואקַאצְיֶע זָאל מֶען פָארְן מִיט דִי וַוייבּ. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי מֶענֶער. אוּן דֶערִיבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זִיכֶער עֶרְלֶעדִיגְן אַז מֶען זָאל טַאקֶע הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר, אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אוּן הַארְמָאנְיֶע שְׁטֶענְדִיג אִינְדֶערְהֵיים.

## אוּמַאן אִין דִי צֵייטוּנְגֶען

אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אוּן אִין דִי פּוּבְּלִיקַאצִיעֶס, וֶוערְט אוּמַאן אַרָאפְּגֶעמָאלְן אַלְס אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן מָאדְנֶע מֶענְטְשְׁן אִין אוּמַאן. דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער וִוי אַ אִיד שְׁטֵייט בַּיים הֵיילִיגְן צִיוּן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד זִיצְט אוּן רֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר. דֶערִיבֶּער זוּכְן זֵיי דַוְקָא צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע סָארְט מָאדְנֶע בִּילְדֶער.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, וַוייל דָאס מַאכְט לַיידֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. מֶענְטְשְׁן הוֹיבְּן אָן מוֹרָא צוּ הָאבְּן צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן, פְרוֹיעֶן הָאבְּן מוֹרָא צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיף אוּמַאן. אוּן דָאס אַלֶעס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי אוּמְפַארַאנְטְוָוארְטְלִיכֶע רֶעדַאקְטָארְן.

אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אָבֶּער אַמָאל גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וָואס דָארְט גֵייט פָאר. אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן יֶעדֶער קוּמְט נָאר מִיט אֵיין צִיל צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אוּן

<<<<<<

>>>>>>

זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

אַוַדַאי אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַזוֹיפִיל אִידְן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן פוּן יֶעדְן עֶק וֶועלְט, פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן, זֶעט עֶס אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט. אָבֶער דִי אַלֶע אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶער אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער.

אוּמַאן אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיטָאל. עֶס קוּמֶען זִיךְ הֵיילְן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער קוּמְט פַאר זַיין צְוֶועק אוּן מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער הָאט אַ קְלֵיינֶעם גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן אִין שְׁפִּיטָאל, אָבֶער אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט זֶעט עֶר וִוי טֵייל מֶענְטְשְׁן לִיגְן מִיט אִינְטֶערְווִינֶעס, טֵייל זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַאשִׁינֶען, אֵיינֶער אִיז פַארְבִּינְדֶען אַן אוֹיג, אַ צְוֵוייטֶער דַארְף הָאבְּן הִילְף צוּ גֵיין. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוּן עֶר ווִיל נָאר אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁפִּיטָאל. דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר נַארִישׁ, דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר דַיין קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער עֶס זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר גְרֶעסֶערֶע אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן יֶעדֶער וֶוערְט גֶעהֵיילְט אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, אוּן נָאר אוֹיף דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן. וֶוען אַ קְלוּגֶער אִיד גֵייט אוֹיף אוּמַאן, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס.

וֶוען עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַ פְּרוֹי מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אִיר מַאן אַז עֶר זָאל פָארְן אוֹיף אוּמַאן אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת. אַ וואוֹילֶע פְּרוֹי וֶועט שֵׁיין אַיינְפַּאקְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב פַאר אִיר מַאן, אוּן זִי וֶועט אִים אוֹיךְ מִיטְגֶעבְּן אַ צֶעטְל מִיט אַלֶע בַּקָשׁוֹת, אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע זַאכְן אִין וָואס זִי נוֹיטִיגְט זִיךְ, אוּן אִים אָנְזָאגְן אַז דֶעם צֶעטְל זָאל עֶר מִיטְנֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן דָארְט אֵיידֶער עֶר הָאט אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶלְ'ט דִי אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

# גוּט אוֹיסְנוּצְן יֶעדֶע מִינוּט

טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן שֶׁיִחְיוּ! זַייטְס נִישְׁט מְקַבֵּל קַיין לָשׁוֹן הָרַע, רְכִילוּת, לֵיצָנוּת פוּן אֵייעֶר שְׁכֵנִים אוּן חַבֶרְטֶ'עס, אוֹיף רַבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אוֹיף זַיינֶע אֶמֶתְ'דִיגֶע תַּלְמִידִים. וּמִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיב זֵיי רֶעדְן אוֹיף דִי וָואס פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

וָואס וֶועט אִיר הָאבְּן דֶערְפוּן אַז אִיר וֶועט אָנֶנֶעמֶען זֵייעֶרֶע לוּפְטִיגֶע וֶוערְטֶער? פַארְוָואס דַארְפְט אִיר זֵיי צוּהֶערְן? עֶס וֶועט אַייךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער זַיין אוֹיב אִיר וֶועט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט אֵייעֶרֶע מֶענֶער אוּן אִיר וֶועט זֵיי מְחַזֵק זַיין אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן פָארְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, צוּם הֵיילִיג צִיוּן פוּן רַבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. זֵיי זָאלְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען פוּן דָארְט, יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

גֶעדֶענְקְט! דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק וֶועט זַיין פַאר אַייךְ אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, אוּן אִיר וֶועט פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִיקִים גְמוּרִים. צוּם לֶעבְּן, צוּ פַּרְנָסָה, אוּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים טוֹבוֹת. פַאר אַייךְ, פַאר אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵייעֶרֶע מֶענֶער. אִיר וֶועט דֶערְפַאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אַ גַאנְץ יָאר פוּן שְׁלֶעכְטְס, עֶס וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן אוֹיף אַייךְ קַיין עַיִן הָרַע, קַיין שׁוּם שָׁאדֶענְס אוּן קְרַאנְקְהֵייטְן רַחְמָנָא לִיצְלָן, קַיין שׁוּם בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וֶועט אַייךְ נִישְׁט קֶענֶען שָׁאדְן מַאכְן.

הֶערְט אַייךְ נִישְׁט צוּ צוּ דִי הֶעצֶער וָואס רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע נְסִיעָה צוּם צִיוּן פוּן רַבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! הֶעלְפְט אַרוֹיס אֵייעֶרֶע מֶענֶער זֵיי זָאלְן פָארְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. פַּאקְט פַאר זֵיי אַיין זֵייעֶרֶע גֶעבְרוֹיכְן אוּן פֶּעקְלֶעךְ, גִיט זֵיי מִיט "צֵדָה לַדֶרֶךְ", שְׁטַארְקְט זֵיי מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער "פְרֵיי דִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָה וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ קֶענְסְט פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק!", אוּן גְלַייכְצֵייטִיג קֶענְט אִיר זֵיי אוֹיךְ בֶּעטְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט דָארְט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טַייעֶרֶע צַייט מִיט גָארְנִישְׁט, נָאר אוֹיסְנוּצְן יֶעדֶע מִינוּט. פַארְלַאנְגְט פוּן אֵייעֶרֶע מֶענֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דָארְט אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרַע, לֵצִים, אוּן בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת, זֵיי זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים, נָאר יֶעדֶע לֵיידִיגֶע מִינוּט זָאלְן זֵיי לוֹיפְן צוּם צִיוּן פוּן רַבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בֶּעטְן פַאר זִיךְ, פַאר אַייךְ, פַאר אֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ שֶׁיִחְיוּ, פַאר אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

וַוייל אוֹיב מֶען הָאט שׁוֹין יָא דוּרְךְ גֶעבְּרָאכְן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן שְׁטֵיינֶער, מֶען צָאלְט שׁוֹין יָא אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי נְסִיעָה, אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דָארְט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, צוּ פְּלוֹידֶערְן דְבָרִים בְּטֵלִים, לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת, רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן. אַדְרַבָּה! אוֹיב אוֹיף אַזַא הֵיילִיג פְּלַאץ קֶען זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְן צוּ צֶעמִישְׁן דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס שֵׂכֶל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, דַארְפְן מֶען זִיךְ נָאךְ מֶער שְׁטַארְקְן, צוּ זַיין פַארְנוּמֶען נָאר מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן גְלוּסְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן שֶׁיִחְיוּ! בֶּעטְס אֵייעֶרֶע מֶענֶער, זֵיי זָאלְן אַייךְ צוּזָאגְן אַז וִויבַּאלְד אִיר הָאט אַלֶעס מַפְקִיר גֶעוֶוען, אוּן אִיר זֶענְט מַסְכִּים זֵיי זָאלְן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן פוּן רַבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת, פָּאלִיטִיק, לֵצָנוּת, אוּן דְבָרִים בְּטֵלִים. נָאר זֵיי זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זִיצְן בַּיים הֵיילִיגְן צִיוּן, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גוּט יָאר, אַ זִיס יָאר.

אוּן דֶעמָאלְט קֶענְט אִיר זִיכֶער זַיין אַז אֵייעֶרֶע מֶענֶער וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען מִיט אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ יָאר פוּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אִיר וֶועט קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אֵייעֶרֶע חוֹבוֹת, אוּן אִיר וֶועט נָאךְ קֶענֶען קוֹיפְן אַלֶעס וָואס אִיר ווִילְט בְּשֶׁפַע רַב, אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט אַ גְלִיקְלִיךְ אַ גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן אַ גֶעזוּנְט יָאר, אִיר זָאלְט וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

(קוּנְטְרֵס רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים)

>>>>>>

שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן.

בְּנוֹגֵעַ אַז אַ פְּרוֹי זָאל זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר וְכוּ'; פַארְוָואס זָאגְטוּ אַז זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אִיז אַ חוּמְרָא, בְּשַׁעַת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר שֶׁעלְט – פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ מִיט אַ קְלָלָה – אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר אוּן מֶען זֶעט דָאס אַרוֹיס?!

דֶער זוֹהַר זָאגְט אַז אִין דֶעם שְׁטוּב וֶועט הֶערְשְׁן עֲנִיוּת אוּן דַחְקוּת, פוּן דֶעם שְׁטוּב וֶועט שׁוֹין קַיין גוּטֶע קִינְדֶער נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען, אִין דֶעם שְׁטוּב וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין בְּרָכָה וְכוּ' וְכוּ' קוּק דֶעם לָשׁוֹן וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכ"ה ע"ב): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ', דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי. 'וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקַייט אִין שְׁטוּב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער ס"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אִיר שְׁטוּב. 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וֶועגְן דָאס בִּיסְל הָאר, אָבֶער וָואס זָאל מֶען טוּן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט צוּ לַיידְן וִוי זִיךְ אָפְּשֶׁערְן"; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ טִיכְל אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר וִוי צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, אָבֶער אַלֶע צַדִיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְּן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַ שֵׁייטְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, וִוי אֵיידֶער גֵיין מִיט צֶען טִיכְלֶעךְ אוּן גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר".

פְרֶעג זִיךְ נָאךְ בַּיי דִי אִידְן פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר וָואס גֶעדֶענְקֶען נָאךְ דִי בְּכִיוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן בְּשַׁעַת דִי 'כָּל נִדְרֵי דְרָשָׁה' אַז מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת, בִּפְרַט אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אִיבֶּער צוּ לָאזְן אִיר אֵייגֶענֶע הָאר.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת אוּן זִי שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר וְכוּ' וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקַייט אוּן אִין צְנִיעוּת פַאר אַ פְרוֹי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' תֵּצֵא תשע"ח)

בעזהשי"ת

## מיר האבן דעם כבוד איינצולאדענען אלע חשובע פרויען וואס זייערע מענער פארן קיין אומאן אויף ראש השנה צום

# אומאן פארברענג

## אין פארברייטונג צום הייליגען יום טוב

# ראש השנה

זיך אינאיינעם צו פרייען אויף די גרויסע זכיה
אז מיר באקומען די געוואלדיגע ברכות

## פון הייליג'ן רבי'ן אין אומאן

די "פארברענג" וועט אי"ה פארקומען
**דינסטאג פרשת נצבים**
**ולמספרם Sep. 4**
**אין בנין הישיבה**
**היכל הקודש ברסלב**
**27 Skillman St.**
**בשעה 9:00**

‹ געשמאקע מאלצייט
‹ שיינע דרשות
‹ הערליכע פארשטעלונג

מיר ווארטן אייך פערזענליך צו באגריסן

**לעידיס עקזילערי היכל הקודש ברסלב**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## נָאכְ'ן זַיין אִין אוּמַאן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע פִילֶע סְפֵיקוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי טֶעגְלִיכֶע חִיזּוּק וָואס גֶעבְּט מִיר חִיזּוּק אוּן כֹּחַ דוּרְכְצוּגֵיין אַלֶע מַיינֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען דִי וָואךְ צוּ זַיין אִין אוּמַאן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט דָארְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, אָבֶער נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן צִיּוּן הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען סְפֵיקוֹת; אֶפְשָׁר אִיז דֶער צִיּוּן בִּכְלַל נִישְׁט דָארְט, וֵוייסְט מֶען דֶען זִיכֶער אַז דֶער צִיּוּן אִיז דָארְט? אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט טָעוּתִים בַּיים זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי? אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן רִיכְטִיג דִי צְדָקָה?

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז מְ'טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת, סָפֵק אִיז בְּגִימַטְרִיָּא עֲמָלֵק, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם שְׁפִּיר אִיךְ אַז וַוייל סְ'אִיז אַזַא מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ צוּ זַיין בַּיים צִיּוּן, וִויל אִיךְ זַיין אִינְגַאנְצְן רוּאִיג אַז אִיךְ הָאבּ עֶס טַאקֶע גֶעטוּן בִּשְׁלֵימוּת, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, מֹשֶׁה**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן; דִי אַלֶע קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן: 'וֶוער זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט דָארְט?' 'וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ?' 'וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה?' דָאס אַלֶעס נֶעמְט נִישְׁט קַיין סוֹף אוּן אִיז בְּלוֹיז מַעֲשֵׂה יֵצֶר הָרַע.

לָאז דִיךְ אוֹיס פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס מַאטֶערְן דִיךְ, טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [קַאפִּיטְל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, "אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְהוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו", אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן, אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט פְלֶעגְט עֶר זֵיי זָאגְן: "בִּיז אַהֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט עֶנְק, פוּן דָא אוּן וַוייטֶער וֶועט דֶער רֶבִּי זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט עֶנְק"; דֶערִיבֶּער אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ'? טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעצְט וֶועט דִיךְ דֶער רֶבִּי פַארְרֶעכְטְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: הַגַּם דֶער עוֹנֶשׁ פוּן גִלְגּוּל אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמו) אַז מֶען זָאל זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה אוּן זָאגְן: "עֶקְט מִיט מִיר דָא, אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן גִלְגּוּל", מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ מֶען וֶועט מִיר גֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט נָאכְאַמָאל צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרָאפּ קוּמֶען נָאכְאַמָאל אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַבִּי צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן (עַיֵּין אַשֵׁר בַּנַּחַל, סִימָן תרעה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' תֵּצֵא תשע"ח)

בס"ד

# מפת העירוב לימי הקיבוץ הק'

## בעי"ת אומן יע"א - ראש השנה - תשע"ט




להערות והערות ניתן לפנות: להרב אליעזר יהודה קעניג פושקינה AA/21 באומן: 0505556524 בא"י: 058-4500446
הרב שמעון מן שליט"א באומן: 0950248163 בא"י: 052-7693475
הרב נתן פישר שליט"א באומן: 0506144366 בא"י: 052-7620166
הרב נחמן זאב פראנק שליט"א באומן: 0505808835 בא"י: 057-3124041

**העירוב אינו נתמך ע"י שום גוף ציבורי, לתרומות והנצחות בית מדרש להוראה דחסידי ברסלב עיה"ק ירושלם ת"ו ת.ד.57554 ירושלם ת"ו ולציין עבור העירוב**

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלְס קִינְד הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה וְוִי אַזוֹי זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז גֶעוָוארְן אַ צַדִיק, דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס פְלַאמְט אוֹיף זַיין קְלֵיין הֶערְצֶעלֶע אַז עֶר וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק.**

### כז

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה, אִיז זַיין הַארְץ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אַז עֶר וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר וִויל זַיין בַּאהַאלְטְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אֲפִילוּ פוּן זַיין הֵיילִיגֶע טַאטֶע מַאמֶע, שְׁטִילֶערְהֵייט וֶועט עֶר וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר דַאן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ.

## שְׁנַת תקל"ח

### כח

אִין יָאר תקל"ח, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַלְט גֶעוָוארְן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וִויל זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט. עֶר הָאט גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן זַיין תַּאֲוַת אֲכִילָה, אַזוֹי וְוִי עֶר אִיז אָבֶּער נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר קֶען פְּרוּבִּירְן צוּ עֶסְן וֵוייניגֶער פוּן וִויפִיל עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט גֶעוֶוענְלִיךְ, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט נִישְׁט צֶעקֵייעֶן דָאס עֶסְן, נָאר עֶר וֶועט עֶס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען גַאנְצֶערְהֵייט, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין טַעַם אִינֶעם עֶסְן. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, אוּן זַיין הַאלְז אִיז דֶעמָאלְט גֶעוָוארְן גֶעשְׁוָואלְן דֶערְפוּן.

### כט

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאב עֶר אָבֶּער זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁרַייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע סָארְט טַעֲנוֹת אוּן תֵּירוּצִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים הֶעלְפְן אוּן אִים מְקַרֵב זַיין צוּ זִיךְ. מִיט דֶעם הָאט עֶר פַארְבְּרֶענְגְט אַלֶע זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

### ל

גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעגְט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוֹיפְ'ן בּוֹידֶעם פוּן זַיין הוֹיז, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ קַאמֶער וואוּ מְ'פְלֶעגְט הַאלְטְן שְׁטְרוֹי, אוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִים, אוּן עֶר הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### לא

וואוּ עֶר פְלֶעגְט נָאר טְרֶעפְן אַ לֵיידִיגֶע פְלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן גֶעפִינֶען זִיךְ נִישְׁט, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ דָארְט אַוֶועקְזֶעצְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, וְוִי מְ'רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר, אוּן בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן אַז עֶר וִויל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וְוִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן אוּן אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִים, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן וָואס עֶר רֶעדְט שׁוֹין אוּן שְׁרֵייט שׁוֹין צוּם

<<<<<<

## דער וועג אנצוקומען פון ציון הקדוש צום בנין היכל הקודש אין אומאן




# צידה לדרך

ווען איר פארט אויף אומאן, און איר דאנקט דעם אייבערשטן אז איר זענט מקורב צום הייליגן רבי'ן וואס געבט אייך אזויפיל חיזוק אין יעדן געביט, ווייזט ארויס אביסל הכרת הטוב, און זעט אז נאך א איד זאל געוואויר ווערן פון די געוואלדיגע עצות פון הייליגן רבי'ן.

**אויב קענט איר מיטנעמען ספרים און קונטרסים אויף אומאן, אדער אויב פארט איר מיט קינדער און איר קענט מיטנעמען אויפ'ן פליגער נאך א באקס, זאלט איר זיך ביטע מעלדן מוצאי שבת פ' כי תבא, נאך סליחות, אין היכל הישיבה.**

**מוהרא"ש האט געזאגט אז דער פעקל ספרים איז א שמירה אויפ'ן וועג.**

# אומאן טראנספארטאציע

עס וועט זיין צוגעשטעלט טראנספארטאציע פון קיוב קיין אומאן, און פון אומאן קיין קיוב, פאר די פאלגענדע פלייטס:

- **דירעקט פלייט מיטוואך 12:30 קיין אוקריינא**
- **דירעקט פלייט דאנערשטאג 5:00 קיין אוקריינא**
- **דירעקט פלייט מיטוואך 11:30 קיין אמעריקא**
- **דירעקט פלייט מיטוואך 7:00 קיין אמעריקא**

**צו קויפן א באס טיקעט רופט 917-530-2556**

# פדיון נפש

**מען וועט קענען איבערגעבן די "פדיון נפש" פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אין בית המדרש היכל הקודש אומאן, נאך סליחות זכור ברית, און ערב ראש השנה נאך שחרית, ווי אויך וועט מען קענען געבן ביי די פדיון נפש טישלעך אין אומאן.**

דאס געבן די "פדיון נפש" ארויסצוהעלפן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, איז די בעסטע הכנה צום הייליגן ראש השנה.

**פון א' סליחות און ווייטער וועט מען קענען מנדב זיין פאר פדיון נפש אויפ'ן אדרעס: breslevcenter.com/pidyen-nefesh**

## ערב ראש השנה ראוי ליתן על פדיון

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מוה"ר יואל פארקאש שליט"א**

**צו די שמחת החתונה פון זיין זון עב"ג למזל טוב**

**החתן מו"ה יעקב הלל הי"ו**

און גלייכצייטיג א ברכת מזל טוב פאר די חשובע זיידע און באבע

**מוה"ר אברהם חיים פארקאש שליט"א וזוגתו תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים

>>>>>>
אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי סַאךְ, אוּן עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט, עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר וֶוערְט גָאר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ אַלֶעמָאל גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן מִיט זַיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת.

עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן צוּמָאל אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַפָּאר טֶעג, וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים סַיי וִוי נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר טוּט דָא, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר קֶען טְרַאכְטְן אַזַא זַאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, עֶר הֶערְט אִים זִיכֶער אוֹיס, אוּן עֶר טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ וִוידֶער גֶעשְׁטַארְקְט אוּן וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַסַאךְ מָאל, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל אַרָאפְּפַאלְן אוּן אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר וִוידֶער זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת.

## לב

עֶר פְלֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין עֲבוֹדַת ה' מִיט גְרוֹיס פַּשְׁטוּת, צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן ה' אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אָבֶּער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן. וִוי נָאר עֶר אִיז אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר דַוְקָא זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט זֵייעֶר קִינְדֶערִישׁ, עֶר אִיז אַרוּמְגֶעטַאנְצֶען אוּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט, אוּן אַרוּמְגֶעוִוילְדֶעוֶועט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אַז קֵיינֶעם הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְפַאלְן אַז דָאס קִינְד אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ צְוֵוייטְן, אַז עֶר וִויל נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

## לג

דֶעמָאלְט אַלְס קִינְד פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פִירְן אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע גְרוֹיסֶע מַטְבֵּעוֹת אוּן עֶר הָאט עֶס אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט אוֹיף קְלֶענֶערֶע פְּרוּטוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין שׁוּל בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, דוּרְךְ אַ פֶענְסְטֶער אוּן דָאס גְלַייכְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן" אוּן גֶעזָאגְט דֶעם "לְשֵׁם יִחוּד" וָואס שְׁטֵייט דָארְט צוּ זָאגְן פַאר מְ'טוּט אַ מִצְוָה, אוּן דַאן הָאט עֶר אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אֵיין פְּרוּטָה אִינֶעם פּוּשְׁקֶע פוּן מַתַּן בְּסֵתֶר. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר אִיז מֵסִיחַ דַעַת פוּן דֶעם, אוּן דַאן הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט דֶעם לְשֵׁם יִחוּד אוּן וִוידֶער אַרַיינְגֶעוָוארְפְן נָאךְ אַ פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט דֶעם לְשֵׁם יִחוּד אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט צְדָקָה. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז וֶוען עֶר הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט אַלֶע פְּרוּטוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט. עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ אַלְס קִינְד בַּאקַאנְט גֶעוֶוען אַלְס אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג אוּן פַארְשְׁטַאנֶען גוּט אַן עֵסֶק, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶענוּצְט קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ תָּם אוּן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן פָּשׁוּט וִוי מֶער מִצְוֹת.

טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, הָאט עֶר גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אוּן גֶעכַאפְּט אַז וֶוען סְ'קוּמְט צוּ דִינֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט חָכְמוֹת, נָאר טוּן אוּן אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס תְּמִימוּת.

## לד

וֶוען עֶר פְלֶעגְט זִיצְן בַּיי זַיין מְלַמֵּד, הָאט עֶר אַלְץ גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד" (תְּהִלִּים ט"ז, ח'), עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טְרַאכְטְן אוּן הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן דֶעם שֵׁם "הֲוַיָ"ה" בָּרוּךְ הוּא, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהֶערִיג מִיטְגֶעהַאלְטְן וָואס דֶער מְלַמֵּד לֶערְנְט פָאר, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גוּט גֶעקֶענְט, אוּן דֶערְפַאר פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד זֵייעֶר בְּרוֹגֶז זַיין אוֹיף אִים.

בִּכְלַל פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַלְס קִינְד זִיךְ פִירְן זֵייעֶר ווִילְד, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַרוּמְלוֹיפְן אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן מִיט אַלֶע קִינְדֶער.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

המשך פון דף ד

פדיון.

מוהרא"ש האט געזאגט אז די גרעסטע צדקה וואס עס איז פאראן איז צו געבן געלט צו קענען מער און מער פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, דאס איז די בעסטע וועג ווי אזוי מחי' צו זיין מענטשן, און דאס בלייבט פאר די מענטשן אויף אייביג. דעריבער פלעגט מוהרא"ש נוצן די געלט פון די פדיונות אויף צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און צו בויען דעם רבינ'ס מוסדות, צו קענען מיט דעם ווייטער פארשפרייטן דעם רבינ'ס אור אויף דער וועלט.

דאס יאר וועלן אנשי שלומינו ווייטער געבן "פדיון נפש" אין אומאן פאר דעם זעלבן צוועק, מען וועט קענען געבן דעם "פדיון נפש" פאר'ן ראש ישיבה שליט"א ערב ראש השנה אין אומאן, מ'קען זען די זמנים פאר פדיון נפש אין אומאן אין א באזונדערע קעסטל אינעם גליון, ווי אויך וועט זיין טישלעך ביים ציון הקדוש און אויף די הויפט גאסן אין אומאן, וואו מ'וועט קענען געבן די פדיון נפש.

דאס ארויסהעלפן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, איז די בעסטע הכנה צום הייליגן ראש השנה.

**פדה בשלום נפשי!**

***

## לעצטע פאזעס צו מאכן גרייט דעם בנין אין אומאן אויף ראש השנה

אין די יעצטיגע טעג ענדיגט מען צו די לעצטע פאזעס, מען לייגט מען אריין גרויסע כחות צו ענדיגן דעם בנין על צד היותר טוב אז ס'זאל גרייט צום באנוץ אויף ראש השנה. מען איילט זיך זייער צו ענדיגן די צווייטע שטאק פון די שלאף צימערן. מען לייגט ווייטער טיילס, עס ווערט ווייטער געצויגן די עלעקטריק, די פלאמבינג. ארום דעם בנין ווערט יעצט אינסטאלירט הויך קוואליטעט וואסער, און דער סוער סיסטעם, וואס וועט בעז"ה זיין גענוג פאר הונדערטער באנוצער אויף איינמאל, אויך אין ערב אדער מוצאי יו"ט וועט די שויערס ווערן באנוצט צום מאקסימום, וועלן די וואסער, סוער און הייצונג סיסטעמען קענען בעז"ה דערהייבן דעם גרויסן געברויך.

ווי שוין געמאלדן פריער, זענען שוין אלע בעטן פונעם ערשטן שטאק שלאף צימערן אינגאנצן אויסגעפאנגען, און מען האט דאן תיכף צוגעטרעטן צו צובויען און פארענדיגן נאך א שטאק נאך אויף היי יאר בעז"ה. און במשך די לעצטע צוויי וואכן זענען שוין אויך די בעטן פונעם צווייטן שטאק, כמעט אנגעפילט געווארן.

דערפאר דער וואס וויל נאך איינשטיין דעם ראש השנה הבעל"ט אינעם נייעם הערליכע בנין אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה, דארף זיך זייער צואיילן ארויסצונעמען א בעט, ווייל ווי געזאגט זענען שוין רוב רובם פון די צימערן אנגעפילט. צו באשטעלן קען מען רופן 347-452-0412 וכל הקודם זכה.

די אלע וועלכע האבן שוין אויסגעצאלט זייערע בעטן, קענען רופן דעם אויבנדערמאנטן נומער צו באקומען זייערע קארטלעך צו קענען דערמיט אריינגיין צו די שלאף צימערן, עס זאל, און אין די מקוה. דער גרויסער בית המדרש וועט זיין אי"ה אפן פאר יעדן איינעם לתורה ולתפלה.

דער הערליכער בנין געפונט זיך אין א באשיידענע ווינקל פון אומאן, אפגעשיידט פון די רוישיגע גאסן, אויף נומער 28 פון די בילאַצערקאָווסקע גאס, אין אוקריייניש זאגט מען עס "וואַליצאַ בילאַצערקאָווסקע" [Вулиця Білоцерківська] און עס איז צום האפן אז דאס וועט זיין א גרויסער הילף פאר אנשי שלומינו ביים וויילן אין די טעג פון ראש השנה ביים הייליגן רבינ'ס ציון.

זעט אינעם גליון די מאפע פונעם עירוב אין אומאן, און דארט קענט איר זען ווי אזוי אנצוקומען פונעם ציון הקדוש צום נייעם בנין.

**איש בל יעדר!**

***

## „אומאן פארברענג" דורך די פרויען פון אנשי שלומינו

נאכפאלגענדיג די גרויסע צופרידנהייט פון די פרויען פון אנשי שלומינו די פארגאנגענע יארן פאר ראש השנה, ווען די פרויען האבן זיך צוזאמגענומען אינאיינעם און געהערט צוזאמען דרשות און זיך געפרייט צוזאמען אויף די געוואלדיגע זכי' אז די מענער זענען זוכה צו וויסן פון הייליגן רבי'ן און זענען זוכה צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, וועט דאס יאר נאכאמאל פארקומען די "אומאן פארברענג", זיך צו שטארקן צוזאמען אויף די געוואלדיגע זכי'.

וועמענס הארץ ציטערט נישט פונעם פארכטיגן יום הדין, ווען דער אייבערשטער שרייבט אן פאר יעדן איינעם אלעם וואס עס וועט פאסירן מיט אים במשך די גאנצע יאר, און דא זאגט דער רבי אז ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה וועט ער אים פארטיידיגן און זען דערצו אז מען זאל אים אנשרייבן א גוט געבענטשט יאר, איז דאך זיכער אז יעדער וויל האבן די זכי' צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר. דעריבער וועלן זיך די פרויען צוזאמנעמען און זיך שטארקן אינאיינעם צו שיקן די מענער אויף אומאן און אהיימברענגען ישועות און רפואות פאר די גאנצע יאר.

די פארברענג וועט פארקומען אי"ה דעם קומענדיגן דינסטאג נאכט פ' נצבים הבעל"ט אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, א רייכע סעודה וועט סערווירט ווערן, מ'וועט הערן שיינע דרשות, און מ'וועט מיטהאלטן א הערליכע פארשטעלונג. עס איז ערווארטעט די באטייליגונג פון הונדערטער פרויען פון אנשי שלומינו.

די חשובע פרויען קוקן ארויס מיט שפאנונג אויף דעם געשמאקן פארברענג, זיך צו פרייען אינאיינעם אויף די גרויסע זכי'.

**ולאחיו יאמר חזק!**

***

## עירוב אין אומאן אויסגעברייטערט אריינצונעמען דעם נייעם בנין

פאר א חודש צוריק האט הר"ר אליעזר יודא קעניג שליט"א, יו"ר וועד העירוב ד'אומאן, זיך פארבינדן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א און פארגעשלאגן אז ער איז גרייט צוצולייגן צום עירוב אין אומאן אז עס זאל גיין ביז'ן נייעם בנין.

אנשי שלומינו זענען זייער מכיר טובה דעם וועד העירוב אין אומאן, פאר'ן אנטקעגן קומען אנשי שלומינו מיט'ן אונטערגענומען א קאסטבארן פראיעקט אויסצוברייטערן דעם עירוב עס זאל אויך אריינעמען דעם נייעם בנין היכל הקודש אין אומאן אויף די בילאצערקאווסקע גאס שוין אויף היי יאר ראש השנה תשע"ט.

דער עירוב וועט זייער צוניץ קומען, בפרט די יאר ווען ראש השנה פאלט אויס זונטאג נאכט, און דער עולם איז שוין דארט בעפאר שב"ק, און אזוי וועט מען בעז"ה קענען גיין און קומען מיט הרחבת הדעת אויסגיסן דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן ביים ציון הקדוש און פועל'ן א גוט געבענטשט יאר.

אינעם גליון וועט איר טרעפן די מאפע פונעם עירוב פון דעם יאר.

**שמחים לשמרו ולערב עירובו!**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## א פרייליכע חתונה אין בית המדרש - אינאיינעם מיט א סיום הש״ס

דעם מאנטאג איז פארגעקומען א פשוטע אבער גאר פרייליכע חתונה אין ישיבה אין וויליאמסבורג, ווען החתן מו״ה יעקב הילל פארקאש הי״ו בן הר״ר יואל שליט״א בן הר״ר אברהם חיים שליט״א פון קרית יואל איז געגאנגען אונטער די חופה מיט די טאכטער פון מו״ה מנחם גאלדשטיין הי״ו פון מאנסי.

אום 5:00 נאכמיטאג איז מען זיך צוזאם געקומען אין בית המדרש "היכל הקודש ברסלב" אין ווילימסבורג, וואו דער חתן האט מיט גרויס שמחה געפראוועט זיין סיום ש״ס בשעת זיין קבלת פנים, און אזוי האט ער זוכה געווען, נאך פאר׳ן גיין אונטער די חופה, צו וואס ווייניג זענען זוכה אין זייער גאנצן לעבן.

דערנאך איז מען געגאנגען צו די געהויבענע חופה, וואס איז פארגעקומען אין חצר פון בית המדרש. דערנאך האט מען זיך צוריק געקערט צום ביהמ״ד ווי אלע נאנטע משפחה פון די חתן כלה זענען געווען געלאדענט צום סעודה.

אום 7:55 איז דער חתן אריינגעקומען אין בית המדרש צום טאנצן. ביי די געהויבענע ריקודין, האבן די פילע געסט וואס זענען געקומען זיך נישט געקענט געגוג אנזעטיגן זייערע אויגן ווי מ׳קען פראווען א חתונה נאכט "פשוט און געוצליך אומזיסט", און נישט נאר וואס די שמחה ווערט נישט געמינערט דערפון, נאר די חתונה איז געווען גאר גאר פרייליך, מ׳האט פשוט נישט געקענט שטייט אדער זיצן פאסיוו, די פיס האבן זיך געהויבן ווי פון זיך אליין. אזש די ווענט האבן מיט געטאנצט.

אום 10:00 האט זיך די מוזיק אויסגעלאשן, און די כלה איז אריינגעקומען צו ברכת המזון, דערנאך איז געווען די "מצוה טאנץ", וואס איז געפראוועט געווארן אויף א הייליגע געהויבענע פארנעם, אן קיין איבעריגע הספדים צערעמאניעס וואס אין רוח חכמים נוחה הימנה.

דער שמש פון ביהמ״ד האט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן "יעמוד יעמוד יעמוד, מו״ה ... וועט גיין טאנצן לקראת הכלה. גוט שבת", און דער וועם מען האט אויסגערופן האט זיך געשטעלט טאנצן מצוה טאנץ.

עס האבן געטאנצן די זיידעס, עלטערן, חתן כלה. אויך זענען מכובד געווארן מיט א מצוה טאנץ הגה״צ ר׳ יצחק לעזער שליט״א, און דער ראש ישיבה שליט״א. די פעטערס האבן געטאנצן מיטן חתן ווען עס איז געווען די רייע פונעם מחותן פון זייער זייט.

די פרייליכע חתונה - אריינגערעכענט די מצוה טאנץ - איז געווען געענדיגט אום 10:55, און די בחורים האבן תיכף אויפגערוימט און צוזאם געגומען דעם בית המדרש, אז מ׳זאל זיך קענען זעצן לערנען צומארגנס. ווען איינער וואלט אריינגעקומען אין ביהמ״ד א פערטל נאך עלף, וואלט ער זיך געווינדער "וואו איז געווען די חתונה?...

מען האט געדאנקט דעם אייבערשטן אז עס זענען דא אידן וואס האבן שכל, און דארפן גארנישט און ווילן גארנישט נאר טון דעם רצון ה׳ און חתונה מאכן זייערע קינדער וואס פשוטער. און זענען פרייליך מיט דעם אליינס אז זיי זענען זוכה צו חתונה מאכן די קינדער אינגערהייט, און פארשטייען אז וואס מער מ׳לייגט נאר צו צו ווערן פרייליך טוט גאר אויף דאס פארקערטע.

עס האט זיך ארויסגעוויזן אז מען קען באווייזן צו מאכן א חתונה וואס זאל קאסטן ממש גארנישט. די זאל האט נישט געקאסט, די סעודה האט כמעט גארנישט געקאסט, קיין סערווירער איז נישט געווען, קיין זינגער און שפילער איז נישט געווען, קיין גראמער איז אויך נישט געווען, די בלומען פאר די כלה זענען נישט געווען קיין עכטע, און אזוי ווייטער אז אין סך הכל האט די חתונה נאכט געקאסט נישט מער ווי עטליכע הונדערט דאלער. און דער גרעסטער חידוש איז געווען אז עס איז געווען גאר א ספעציעלע שיינע פרייליכע חתונה; די מחותנים, די חתן כלה, און אלע באטייליגטע זענען געווען באמת פרייליך, מען האט געקענט טאנצן און זיך פרייען מיט א רואיגע געוויסן, וויסנדיג אז אונטער די שיינע חתונה האט זיך נישט געגאסן קיין אידיש בלוט.

פארשטייט זיך אז ביי די איבריגע הוצאות צוצורישן דאס נייע פאר פאלק נאך די חתונה, האט מען אויך נישט אויסגעגעבן קיין סאך געלט, דאס גאנצע חתונה מאכן מיט אלעס ארום האט געקאסט פאר די מחותנים נישט מער פון א צען טויזנט דאלער. און ווען מ׳מאכט חתונה אויף אזא פארנעם, איז מען רואיג און פרייליך אויסצוהערן שידוכים פאר די קינדער, מען ווייסט אז דאס קען מען באווייזן, און מ׳וועט נישט ווערן אנגעהויפנט מיט חובות ביז איבער׳ן קאפ.

זאל דער אייבישטער העלפן אז די חתן כלה זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן לה׳ ולתורתו, און די עלטערן און מחותנים זאלן אלע זוכה זיין צו זען רב תענוג ונחת פון דעם פאר פאלק און פון זייער גאנצע משפחה.

**כמותם ירבו בישראל!**

***

## פדיון נפש ערב ראש השנה אין אומאן

ווי באקאנט פלעגן אנשי שלומינו זיך פירן צו געבן פאר מוהרא״ש יעדעס יאר אום ערב ראש השנה אין אומאן "פדיון נפש", אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן רי״ד) אז ערב ראש השנה זאל מען געבן א

המשך בדף ג

---

### ביהמ״ד היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

## זמן אמירת סליחות בבית מדרשינו

## מוצש״ק פ׳ כי תבא, א׳ סליחות

בשעה 1:00

**בברכת כתיבה וחתימה טובה - הגבאים**

---

### בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

בליצרקובסקיה 28 - אומאן

## זמנים לראש השנה תשע״ט

### שבת פרשת נצבים

זמן הדלקת הנרות..........7:09
מנחה וקבלת שבת.....בזמן הדלקת הנרות
באטע ליל שב״ק..........10:00
שחרית..........9:00
מנחה שב״ק..........7:00
שלש סעודות..........7:30
זמן מוצאי שב״ק..........8:40

### ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית..........1:00
פדיון נפש..........אחר סליחות
שחרית ערב ראש השנה..........8:00
פדיון נפש..........אחר שחרית

### ראש השנה

זמן הדלקת הנרות..........7:05
מנחה ערב ר״ה..........בזמן הדלקת הנרות
שחרית ב׳ ימי ר״ה..........8:00
מנחה ב׳ ימי ר״ה..........6:45
דרשה..........7:30
זמן מוצאי יו״ט..........8:33

---


## אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**
**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; באסעס**
**פון קיוב קיין אומאן און צוריק; און נאך**
**~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~**

אייער פריינד
אלי קנאלל

Plan it Rite
Travel the right way

718-506-4341


---

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה יוסף שניטצלער הי״ו**

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען פיל אידיש נחת געזונטערהייט מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה גדלי׳ דוד בלום הי״ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען פיל אידיש נחת געזונטערהייט מיט דורות ישרים ומבורכים


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


---


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו׳ הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**